**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פייערט עפענונג פון .RALPH C. WILSON, JR וועלקאַם סענטער און אנאנסירט נאך אינוועסטירונגען אין ניאגרא פאָלס

***46 מיליאן דאלארדיגע ערשט-קלאסיגע וועלקאַם סענטער און פלאזא געעפנט ביי ניאגרא פאָלס סטעיט פארק גיבנדיג א גרויסע פלאץ וואו באזיכער קומען אן***

***ניאגרא קונסט און קולטור צענטער און אָקוואוד בית הקברות באקומען סטעיט פינאנצירונג פאר פארבעסערונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט זיך היינט אנגעשלאסן מיט ערווייכלטע און קאמיוניטי פירער צו אפיציעל עפענען די .Ralph C. Wilson, Jr וועלקאָם סענטער ביי ניאגרא פאָלס סטעיט פארק. די 46 מיליאן דאלארדיגע איינריכטונג וועט צושטעלן מאדערנע באקוועמליכקייטן פאר די מיליאנען באזיכער וואס קומען אן צו די פארק יעדעס יאר און עס וועט צושטעלן אינפארמאציע איבער אלעס וואס די ניאגרא פאָלס האט צו אנבאטן פאר באזיכער. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט נאך צוויי פראיעקטן – רענאוואציעס צו די ניאגרא קונסט און קולטור צענטער'ס (Niagara Arts and Cultural Center) זאל און די אויפרעכטונג פון היסטארישע געביידעס ביי דעם אָקוואוד בית הקברות –וועלכע וועלן באגלייטן די וועלקאָם סענטער און שטיצן די אלגעמיינע ציהל פון פארבעסערן די ערפארונג פון באזיכער אין ניאגרא פאָלס.

"עס איז נישטא קיין פלאץ אין די וועלט ווי ניאגרא פאָלס, און אונזער סטעיט פארק איז שטענדיג געווען א שטראל פון נאטורליכע שיינקייט און היסטארישע באדייט, אריינציהענדיג באזיכער מיט אירע באאיינדרוקספולע לאנדשאפטן און אייקאנישע וואסערפאלן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היינט דעקן מיר אויף אונזער איבערגעגעבנקייט צו פארשענערן די סטעיט דיאמאנט נאך מער אזוי ווי מיר שפרייטן אויס די טעפעך צו ענטפאנגען די וועלט צו אונזער סטעיט'ס נאטורליכע אוצר. די נייע געביידע איז א וואונדערבארע צוגאב צו די שוין-יעצט הערליכע פארק, און עס וועט העלפן באזיכער פלאנירן זייער באזוך צו די פארק און זיי צו די פילע ביזנעסער און אטראקציעס וואס די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס און מערב ניו יארק האבן צו אפפערן."

**די .Ralph C. Wilson, Jr וועלקאָם סענטער ביי ניאגרא פאָלס סטעיט פארק**
די 28,000-סקווער-פיסיגע באזיכער צענטער האט גלאזערנע ווענט און א נידעריגע דאך צו גיבן די בעסטע אויסבליק און פארבינדונגען צו די וואסערפאלן. עס האט נייע טיקעט און אינפארמאציע דעסקס; נייע פלעצער צו איינקויפן צובייס; בית הכסא'ס און פארבינדענע שטיצנדע ערטער, א סאלאר אינסטאלאציע אויפן דאך, ספעציעלע גלאז מיט איינקריצונגען צו פארמיידן אריינפליהענדע פויגלען, גרינע דאך עלעמענטן און א באזונדערע בית הכסא געביידע. באררייכערטע איינריכטונגען אויפן ארט רעכנען אריין נייע צוגענגליכע וועגן; ארטיגע פלאנצונגען; און וועגווייזנדע עלעמענטן. די עקזיסטירנדע 7,000-סקווער-פיסיגע ראיאנישע אדמיניסטראציע געביידע גלייך נעבן די איינריכטונג ווערט איבערגעבויט צו אריינרעכענען א קאמיוניטי צימער פאר מערערע צוועקן, ראיאנישע ארכיוון און אפיסעס

פאר די וועגווייזנדע איינגעשטעלטע פון דעם ניאגרא ראיאן. גלאזערנע וועט און נידעריגע קאנסטרוקציע העלפן מאקסימיזירן די אויסבליק פון די וואסערפאלן.

די ענדגילטיגע פאזע פון דעם פראיעקט, וואס וועט פארענדיגט ווערן אויף א שפעטערע דאטום, וועט האבן א מוזעאום מיט ערקלערטע אויסשטעלונגען, מיט אן אריינציהענדע ערפארונג און אויסשטעלונגען וואס הייבן ארויס פארשידנארטיגע נושאים, אריינרעכענענדיג היסטאריע פון נאטור, אינדוסטריע און ארטיג-אפשטאמיגע פעלקער, און אזוי אויך דרויסנדיגע אויסשטעלונגען מיט ערקלערנדע שילדן.

די געביידע איז דעזיינט געווארן דורך GWWO Architects of Baltimore און געבויט געווארן דורך R.P. Oakhill Building Company of Buffalo. אנדערע ביישטייערער צו די געביידע רעכענען אריין The LiRo Group, Ty Lin, Trowbridge Wolf Michaels, א Fischer Associates Landscape Architecture סטודיאָ, און די אויסשטעלונג דעזיינערס Haley Sharpe Design of the UK and Toronto. די Ralph C. Wilson Jr. Foundation האט בייגעשטייערט 8 מיליאן דאלאר פאר דעם פראיעקט, און צוליב דעם האט עס באקומען די נאמען אין זיין עהרע. ווילסאן איז געווען דער אייגנטומער פון די Buffalo Bills און פון די גרינדער פון די American Football League (די אמעריקאנע פוסבאל ליגע).

די פראיעקט וועט ערגענצן די 150 מיליאן דאלארדיגע איבערמאכונג פון די ניאגארא פאָלס סטעיט פארקס שטחים. די 'ניאגארא פאָלס סטעיט פארק לאנדשאפט אויפלעבונג פלאן', וואס איז אנגעהויבן געווארן אין 2011, איז געווען א פארפליכטונג פאר עטליכע יאר צו באנייען די פארק אויף א פארנעם וואס שפיגלט בעסער אפ דער חזון וואס דער מערקווירדיגער פארק דעזיינער, פרעדעריק לאָו אָלמסטעד, האט געהאט אין זיהן פאר די שטחים. די פלאן האט רענאווירט די פארק'ס הויפט אויסבליק פלעצער, אריינרעכענענדיג לונע איילענד, פראספעקט פוינט, לאָווער גראָוו, טרי סיסטערס איילענדס, די צפון ברעג טרעיל, לונע בריק און טעראפין פוינט מיט נייע פיסגייער וועגן, פארשענערטע גראז, נייע בענק, ליכט שטאנגען און צוימען. די "הייל פון די ווינטן" (Cave of the Winds) סטרוקטור, מיט אריינגעבויטע אקטיוויטעטן, וואס הייבט ארויס די נאטורליכע און קולטורישע היסטאריע פון די ניאגרא וואסערפאלן, האט זיך געעפנט אין 2017. דאס אוועקנעמען די ניאגרא סיניק פארקוועי (פארדעם גערופן די ראבערט מאזעס פארקוועי) אין די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס ערמעגליכט פרעצעדענטלאזע צוטריט צו די ניאגרא וואסער שטרוים דורכן פארבינדן די שטאט מיט איר וואסער ברעגע צום ערשטן מאל אין א דור, און עס איז די גרעסטע אויסברייטערונג פון ניאגרא פאָלס סטעיט פארק זינט די פארק איז געעפנט געווארן.

די ניאגרא פאָלס סטעיט פארק איז א סטעיט און נאציאנאלע אוצר. געבויט אין 1885, איז עס די עלטסטע סטעיט פארק אינעם לאנד, צוציהענדיג איבער 9 מיליאן באזיכער יערליך.

די גרענט פון די Ralph C. Wilson Jr. Foundation איז אונטער די פארוואלטונג פון די נאטורליכע הערעטעדזש קאסע (Natural Heritage Trust) פאר די סטעיט פארקס אפיס. די נאטורליכע הערעטעדזש קאסע איז א נאָן-פראַפיט, פובליק-בענעפיט קארפארעישען מיט א מיסיע צו באקומען און אויסטיילן געשאנקען, גרענטס און ביישטייערונגען צו פאראויס שטופן רעגירונג פראגראמען פאר פארקס, פארוויילונג, קולטור, לאנד און וואסער אפהיטונג און היסטאריע אפהיטונג צוועקן פון ניו יארק סטעיט. די NHT פירט אויס זייער מיסיע דורכן אננעמען נדבות, שאפן געלטער, און דורך קאאפעראטיווע פראגראמען און פראיעקטן מיט אירע שותפות'דיגע אגענטורן: ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטאריע אפהיטונג, דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) און די סטעיט דעפארטמענט (Department of State, DOS). פאר מער אינפארמאציע, באזוכט [www.naturalheritagetrust.org](http://www.naturalheritagetrust.org).

**ניאגרא קונסט און קולטור צענטער**

די ניאגרא קונסט און קולטור צענטער (Niagara Arts and Cultural Center, NACC), וואס געפונט זיך אויף 1201 Pine Avenue אין די געוועזענע ניאגרא פאָלס היי סקול, וועט אריבערגיין א 8.5 מיליאן דאלארדיגע רענאוואציע פון איר הויפט זאל. די זאל וואס האט 1,000 זיצן וועט אויפגעראכטן ווערן צו צוריקבאקומען איר אריגינעלע היסטארישע פראכט בשעת'ן אריינבויען די עקוויפמענט, טעכנאלאגיע און זייטיגע פלעצער וואס זענען נויטיג צו קענען פארוואנדלען די טעאטער זאל צו ווערן א זאל וואס איז פאסיג צו אפהאלטן היינטיגע לעבעדיגע פארשטעלונגען. די בית הכסא'ס נעבן די טעאטער וועלן אויך רענאווירט ווערן. דער פראיעקט ווערט געשטיצט מיט א 4 מיליאן דאלארדיגע פינאנצירונג גרענט פון די ראיאנישע עקאנאמישע קאמיוניטי הילף פראגראם ( Regional Economic Community Assistance Program), אונטער די פארוואלטונג פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט.

די קאמיוניטי-קאנצענטרירטע קולטורישע צענטער איז א c3501 נאָנ-פראפיט ארגאניזאציע וואס נעמט אריין מער פון 100 ארטיסטן – אריינרעכנענדיג פארבער, סקולפטור קונסטלער, טעפעריי קונסטלער, מחנכים, האלץ ארבייטער, פאטאגראפירער, טעאטער פירעמס, טענצעריי פירמעס און מער – אין סטודיאָס און פלעצער וואס קענען צוגעפאסט ווערן פאר פארשידענע צוועקן. עס שטיצט ארטיסטן מיט צוזאמענארבעטנדע פראקטיקן, פראפעסיאנאלע קאריערעס און די וועלכע זענען אינטערעסירט צו ביישטייערן צו מערב ניו יארק'ס שעפערישע אטמאספערע אריבער 180,000 סקווער פיס, אריינרעכענענדיג דריי טעאטערס, צוויי עפענטליכע און מערערע פריוואטע גאלעריעס, א ראדיאו סטאנציע, עפנטליכע קלאסצימערן, די Starry Night Café קאווע הויז און די NACC געשאנקען געשעפט. די געוועזענע ניאגרא פאָלס היי סקול געביידע איז אויף די נאצינאלע ליסטע פון היסטארישע ערטער.

**אָוקוואוד בית הקברות**
דער 2.5 מיליאן דאלארדיגער אָוקוואוד בית הקברות פראיעקט וועט ערמעגליכן די אויפרעכטונג און פאררעכטונג פון עטליכע היסטארישן געביידעס וועלכע געפונען זיך ביי דעם בית הקברות, אוועקגעשטעלט בעפאר דעם ציווילן קריג, און עס איז איינס פון די גרעסטע איבערלעבנדע היסטארישע אוצרות אין ניאגרא פאָלס. די 18-אקער-גרויסע שטח וואס געפונט זיך אויף 763 Portage Road, האלט נאכאלץ אויף איר אריגינעלע לאנדשאפט וואס איז דעזיינט געווארן דורך טי. די. דזשודא (אריינרעכענענדיג פינף היסטארישע סטרוקטורן).

דער פראיעקט ווערט געשטיצט דורך א 2.25 מיליאן דאלארדיגע גרענט פון דעם ראיאנישע עקאנאמישע קאמיוניטי הילף פראגראם פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, און עס וועט אריינרעכענען נייע דעכער, סטרוקטורישע פאררעכטונגען, שטיינער ווערק און פארבונגען פאר די געבעטהויז וואס איז געבויט געווארן אין 1877, די פרעכטיגע Green & Wicks מערמלשטיין סטרוקטור געבויט אין 1913 און די 'שטיין אפיס' געבויט אין 1922. אלע פון די געביידעס וועלן גענוצט ווערן פאר צוקונפטיגע העריטעדזש טוריזם און פראגראמען אין צוזאמענהאנג מיט די ניאגרא פאָלס נאציאנאלע העריטעדזש ראיאן.

צווישן די וועלכע זענען באגראבן אין אָוקוואוד קען מען געפונען עני עדסאן טעילאר, די ערשטע מענטש צו רייזן אריבער די וואסערפאלן אין א פאס, און פילע פאמיליעס וועמען'ס נעמען זענען פארבינדן מיט די וואוקס און אנטוויקלונג פון ניאגרא פאָלס אלס א גרויסע אינדוסטריאלע שטאט און א וועלטס-בארימטע טוריסט אטראקציע. דער בית הקברות האט אויך א דענקמאל פאר וועטעראנען פון דעם ציווילן קריג און פילע אויסערגעוויינטליכע ביישפילן פון קונסטליכע מצבות אריינרעכענענדיג הויכע מאנומענטן, שטיינערנע ארונות און הערליכע סטאטועס. אין צוגאב איז די לאנדשאפט רייך מיט אלטע פלאנצונגען און ביימער, פילע פון זיי צוריקגייענדיג צו די פריעסטע יארן פון דעם בית הקברות. אָוקוואוד בית הקברות איז אויסגערעכנט אויף די נאציאנאלע ליסטע פון היסטארישע פלעצער.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטאריע אפהיטונג קאמישאנער, עריק קאָלעסייד, האט געזאגט,** "מיר זענען באגייסטערט ביז גאר צו סוף כל סוף ענטפאנגען באזיכער צו די געביידע. מיר זענען אזוי שטאלץ דערמיט, און מיר האפן אז עס וועט העלפן מאכן באזוכן צו ניאגרא פאָלס אפילו מער אומפארגעסליך. מיר פילן זיכער אז די געביידע וועט זיין אן ערשטע סטאנציע וואס וועט מוטיגן באזיכער צו אנדעקן אלעס וואס איז דא צו טוהן אינדרויסן פון די פארק און העלפן פארשטערקערן די ראיאנישע טוריזם עקאנאמיע."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "א צוזאמענארבעטנדע צוגאנג צו טוריזם איז גאווערנער האקול'ס סטראטעגיע פאר עקאנאמישע וואוקס אין די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס. די פרעכטיגע וואסערפאלן ציהען מענטשן צו די שטאט, אבער יעדער פראיעקט וואס לייגט צו צו די איבערלעבעניש פון באזיכער גיבט א געלעגנהייט פאר טוריסטן צו בלייבן לענגער און שטיצן די אלגעמיינע ביזנעס קלימאט. מיר קוקן ארויס צו זעהן טוריסטן אנהויבן ביי די פארק'ס נייע וועלקאָם סענטער נעבן די וואסערפאלן און דערנאך ארייגגייענדיג אין שטאט אריין צו פארברענגען צייט געניסנדיג פון א פארשטעלונג ביי די רענאווירטע קונסט צענטער און א טור פון דעם היסטארישן בית הקברות."

**Ralph C. Wilson Jr. Foundation פרעזידענט און CEO, דעיוויד עגנער, האט געזאגט,** "די געמיינזאמע אינוועסטירונגען טוהען אלע ביישטייערן צו די אנהויב פון א טראנספארמאטיווער מאמענט פאר די סיטי אָוו ניאגרא פאָלס און פאר דעם מערב ניו יארק ראיאן. אנגעהויבן פון די נייע און איבערגעמאכטע .Ralph C. Wilson, Jr וועלקאָם סענטער און באדייטנדע פארק פארבעסערונגען ביז די צוזאמענארבעטנדע אינוועסטירונגען אריבער די קאמיוניטי'ס באליבטע קולטורישע און היסטארישע אוצרות, וועט די איינפלוס געפילט ווערן ווען די פארבעסערטע ערפארונג פון באזיכער פירט צו לענגערע באזוכן און פארברענגטע צייט אין די שטאט און ראיאן, מיט איינוואוינער שניידנדיג די פרוכט פון די עקאנאמישע בענעפיטן און בארייכערטע קוואליטעט פון לעבן וואס קומט מיט מער צוגענגליכע דרויסנדיגע פארוויילונג און אן אקטיווע און פיסגייער-פריינטליכע שטאט-צענטער געגנט."

**סטעיט סענאטאר ראב ארט האט געזאגט,** "מיט די עפענונג פון די נייע וועלקאָם סענטער און די אנגייענדע צוטיילונג פון מיטלען און איבערבויאונג פון ניאגרא פאָלס סטעיט פארק און די אומגעגנט, קענען מיר זיכער מאכן אז ניאגרא פאָלס פארבלייבט א וואונדערבארע פלאץ צו באזוכן פאר מערב ניו יארק איינוואוינער און אינטערנאציאנאלע רייזנדע. די פארבעסערונגען וועלן פארזעצן צו מאכן ניאגרא פאָלס פאר די עקאנאמישע טרייב קראפט וואס עס איז פאר גאנץ מערב ניו יארק."

**אסעמבלי מיטגלידערין ענדזשעלאָו מארינעלאָו האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע פון ניאגרא פאָלס. די עפענונג פון די וועלקאָם סענטער און די שטיצע פאר אָוקוואוד און די NACC זענען וואונדערבארע שריט פאר די אנגייענדע אנטוויקלונג פון אונזער טוריזם אינפראסטרוקטור. מיליאנען מענטשן קומען אהער יעדעס יאר, און די אינוועסטירונגען וועלן העלפן זיכער מאכן אז זיי האבן אן אומפארגעסליכע באזוך."

**ניאגרא פאָלס מעיאר ראבערט רעסטאַינאָו האט געזאגט,** "די עפענונג פון די ערשט-קלאסיגע וועלקאָם סענטער זעצט פאר די פארפליכטונג פון NYS צו שאפן א באגייסטערנדע ערפארונג אין די לאנד'ס עלטסטע סטעיט פארק. די צוגעקומענע אינוועסטירונגען אין די NACC און אין אָוקוואוד העלפן שטיצן די מיסיע פון אונזער אדמיניסטראציע צו פארבעסערן די שטאט'ס אוצרות פאר די באנוץ און הנאה פון לאקאלע און באזיכער צוגלייך. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן מיטטיילן דעם חזון, און מיר דאנקען איר פאר איר אנגייענדע שותפות."

**Niagara Falls Tourism and Convention Corp. פרעזידענט און CEO, דזשאן פערסי, האט געזאגט,** "די גאר ערווארטעטע עפענונג פון די Ralph C. Wilson, Jr. וועלקאָם סענטער אין ניאגרא פאָלס סטעיט פארק וועט ציהען נאך מער גלאבאלע אויפמערקזאמקייט צו אונזער דעסטינאציע פון די קוק ווינקל פון מידיע און באזיכער. די באקוועמליכקייטן ביי די וועלקאָם סענטער צוזאמען מיט די פארבעסערונגען צו די ניאגרא קונסט און קולטור צענטער און אָקוואוד בית הקברות זענען די בעסטע ערגענצונג צו די נאטורליכע וואונדער וואס ניאגרא פאָלס איז. מיר קוקן ארויס צו ענטפאנגען סיי לאקאלע און סיי באזיכער פון ארום די גאנצע וועלט צו איבערלעבן אלע פון די געאפפערטע ערפארונגען אין ניאגרא פאָלס, USA."

**ניאגרא קונסט און קולטור צענטער עקזעקיוטיוו דירעקטאר, קעווין לירי, האט געזאגט,** "זינט די ניאגרא קונסט און קולטור צענטער (Niagara Arts and Cultural Center, NACC) איז געגרונדעט געווארן, איז דאס געווען א שטרעבונג צו אויפרעכטן אונזער היסטארישע טעאטער. די ברייטהארציגע אינוועסטירונג דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט – אין צוגאב צו די אינוועסטירונג פון די ראיאנישע אויפלעבונג שותפות – ערלויבט פאר די NACC די געלעגנהייט צו דורפירן די וויכטיגע חלק פון אונזער דעוועלאפמענט. מיר זענען דאנקבאר פאר די טשאנס צו אונטערהייבן אונזער מעגליכקייט צו באדינען מערב ניו יארקע איינוואוינער און באזיכער מיט פראפעסיאנאלע קונסטליכע פארשטעלונג איבערלעבענישן פון א הויכע קוואליטעט און צו שטיין אין שפיץ פון אויפלעבונג באמיאונגען אין די Pine Ave. ביזנעס געגנט."

**אָקוואוד באורד אָוו דירעקטארס פרעזידענט, דזשוּדי גלעיזער, האט געזאגט,** "אָקוואוד בית הקברות איז טיף דאנקבאר פאר די ברייטהארציגע פינאנצירונג פון ניו יארק סטעיט. אלס די וועכטער פון אזויפיל שכנים און פריינט, און אזוי אויך וועטעראנען, גרינדער פון די שטאט, געוואגטע מענטשן און אנדערע, איז דאס באמת באגייסטערנד צו קענען אויפרעכטן און איבערמאכן די היסטארישע און הערליכע געביידעס וואס באצירן אונזערע לענדער. מיר קענען נישט גענוג באדאנקען גאווערנער האקול און די ניאגרא פאָלס העריטעדזש געגנט פארן שטיין אין שפיץ פון די אונטערנעמונג צו פארזיכערן פינאנצירונג פאר די בענעפיט פון אָקוואוד און אלע וועלכע ליגן דא אין זייער לעצטע רוה ארט."

**ראיאנישע אויפלעבנונג שותפות**

די ראיאנישע אויפלעבונג שותפות (Regional Revitalization Partnership, RRP) איז א 300 מיליאן דאלארדיגע ארומנעמיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג סטראטעגיע און שותפות צווישן די רעגירונג און פריוואטע קערפערשאפטן וואס זוכט צו האבן די גרעסטע השפעה וואס איז מעגליך און פירט צו נאך אינוועסטירונגען פאר באפעלאו'ס איסט סייד, ניאגרא פאָלס און ראטשעסטער. די קאמיוניטי-געטריבענע צוזאמענארבעטנדע סטראטעגיע נעמט א ברייטע אריינגעמיגע צוגאנג צו עקאנאמישע אנטוויקלונג, און עס איז אויסגעשטעלט צו אויפבויען רייכטום פאר די קאמיוניטי אין מערערע וועגן. די RRP איז אנטוויקלט געווארן אין צוזאמענארבעט מיט ניו יארק סטעיט גאווערנער קעטי האקול און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) און ווערט געשטיצט דורך די Ralph C. Wilson Jr. Foundation, די Farash Foundation, ESL, KeyBank/First Niagara Foundation, M&T Bank און שותפים אין די שטעט באפעלאו, ניאגרא פאָלס און ראטשעסטער.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג**

דער ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג טוט אויפזען מער ווי 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, גאלף קורסן, שיף ארויספאר פונקטן, און נאך, וועלכע האט געזען א רעקארד 79.5 מיליאן באזוכן אין 2022. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט www.parks.ny.gov, דאַונלאָודט די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער רופט 518.474.0456: שליסט זיך אן מיט אונז ביים פייערן אונזער

הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט אייך מיט אונז אויף Facebook, Instagram, Twitter און אויף די OPRHP 'בלאָג'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן